34 איז דער גערעכטפֿערטיקער; ווער וועט פֿאַראורט־
טיילן? משיח ישוע איז עס וועלכער איז געשטאָרבן,
און נאָכמער, ער איז אויפֿגעשטאַנען, וועלכער איז
אויף ג־טס רעכטער זייט, און איז זיך אויך משתדל
35 פֿאַר אונדז. ווער וועט אונדז אָפּשיידן פֿון דעם משיחס
ליבע? צרות אָדער אַנגסט, אָדער פֿאַרפֿאָלגונג,
אָדער הונגער, אָדער נאַקעטקייט, אָדער סכנה,
36 אָדער אַ שווערד? ווי עס שטייט געשריבן:

פֿאַר דיינעטוועגן ווערן מיר געטייט דעם גאַנצן
טאָג לאַנג, מיר זענען גערעכנט ווי שאָף צו
דער שחיטה. (תהלים מד, כג.)

37 אָבער אין דעם אַלעם זענען מיר נאָך מער ווי
גובר דורך אים, וואָס האָט אונדז ליב געהאַט.
38 וואָרום איך בין בטוח, אַז נישט דער טויט,
נישט דאָס לעבן, נישט מלאכים, נישט מושלים,
נישט די קעגנוואַרט, נישט די צוקונפֿט, נישט
39 ממשלות, נישט הויכקייט, נישט טיפֿעניש, נישט
קיין שום אַנדער באַשעפֿעניש וועט זיין אימשטאַנד
אונדז צו שיידן פֿון ג־טס ליבע אינעם משיח ישוע
אונזער האַר.

## קאַפּיטל ניין

1 איך זאָג דעם אמת אינעם משיח, איך זאָג נישט
קיין שקר, מיין געוויסן זאָגט מיר עדות דורך
2 דעם רוח הקודש, אַז מיין טרויער איז גרויס און
דער ווייטאָק אין מיין האַרצן אָן אַן אויפֿהער.
3 איך וואָלט געוואָלט זיין אין חרם פֿונעם משיח
פֿאַר מיינע ברידער, מיינע קרובים לויטן פֿלייש;
4 וועלכע זענען בני ישראל, וועמען עס געהערן
דאָס רעכט פֿון קינדער און די בונדן און דער כבוד און
5 מתן תורה און די עבודה און די הבטחות; צו